# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

וכל העוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם
שפתינו לא יכלה מלהודות לאיש המיוחד במדת החסד
עומד תמיד לימינינו בלונ"ח מאז ומקדם בעת התייסדות אבותינו
למען הצלת הביה"ח בערי שעניא, בוקוני, וכו'
הרה"ח ר' **יחיאל מיכל פישביין** הי"ו וב"ב שיחי'
ובהאי שעתא מביעים אנו ברכת מז"ט לו ולכל הנלוים אליו לרגלי נשיאי בנו הח' הי"ו
וירוו רב נחת ושמחת מכל יוצ"ח עם ברכה והצלחה כט"ס

**היסוד שלשה עשר, תחיית המתים...וכאשר יאמין האדם אלה היסודות..מצוה לאהבו ולרחם עליו...**
**וכשנתקלקל לאדם יסוד מאלו היסודות הרי זה יצא מן הכלל...** (מתו"ד הרמב"ם בפי' המשניות סוף מס' סנהדרין)

## תושבי וויליאמסבורג אשריכם!

בשיר ושבח לה', טוען מיר באדאנקען פאר די הונדערטער תושבי וומסב"ג שיחיו, ובפרט פאר די חשוב'ע רבנים, מרביצי תורה, וראשי קהילה שליט"א, פאר'ן געבן אונז דעם כבוד און חיזוק, און האבן זיך פערזענליך באטייליגט ביי די ערשטע מעמד הסברה לטובת קברי אבותינו באייראפא.

אן עקסטערן דאנק פאר די געטרייע עסקנים שיחי' פארן אהערשטעלן דעם געהויבענעם מעמד אויף א הערליך מסודר'דיגען אופן לשביעת רצון פון אלע באטייליגטע.

ביי דעם הערליכן מעמד איז אויף א דראמאטישן אופן פארגעשטעלט געווארן די ווייט-גרייכענדע פעולות החובקות זרועות עולם פון אבותינו, און די געוואלדיגע סייעתא דשמיא, וויאזוי מ'האט שוין ב"ה גערעטעוועט 160 בתי חיים דורך שתדלנות, אויפבויען נייע גדרים וכדו', און אין די זעלבע צייט גייט ווייטער אן העפטיגע ארבעט (אפטמאל מיט גרויסע שוועריקייטן) צוצוגרייטן נאך 250 בתי חיים! צום בוי ארבייט בעזהשי"ת. דער פארזאמעלטער עולם איז געווען שטארק גערירט פון די דראמאטישע פרעזענטאציע, אין איז אנטשלאסן צו שטיין צו הילף פאר "אבותינו" מיט וואס נאר מעגליך.

די וואס האבן נישט געקענט זיך משתתף זיין פערזענליך, ביטע נעמט אנטייל אין די הייליגע ארבעט און רופט אריין אין אפיס עקסט. 304, אדער שיקט אריין אייער חשוב'ע נדבה. און אין דעם זכות זאלן די קדושים אשר בארץ המה מליץ טוב זיין להתברך בכל מילי דמיטב.



אין די אפיסעס פון אבותינו - באטייליגטע שליגען מיט דורשט די אינטערעסאנטע דרשת הסברה פון הרבני החסיד ר' **חיים רפאל פערענץ** נ"י. אויפן וואנט  ווערט געזעהן אן אלטער טאוול פון **שנת תשס"ח**, מיט די בילדער פון 125 בתי חיים, גערעטעוועט  דורך **אבותינו**




נייע אויפגעכאפטע און באלערענדע קינדער מתנה
## בוי און באהיט
ערצייגט דורך אבותינו, כדי מחנך צו זיין די יונגע קינדערלעך שיחי',
מיט די גרויסע מצוה פון עוסק זיין אין "כבוד קברי אבותינו"
מען קען דאס פארלאנגען ביי אבותינו:
T: 718-640-1470 Ext. 307  E: hfpjc@thejnet.com

Released by: Heritage Foundation for Preservation of Jewish Cemeteries
Printed by: Lee Printing Inc.    Produced by: Grand Laser Inc.

נתפרסם לע"נ
דבורה רעכיל ב"ר
מרדכי יודא ע"ה

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11211 T: 718-640-1470  E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe · E. Yisroel: Asra Kadisha

•צו ערהאלטן און מפרסם זיין די בולעטין אין אייער ביהמ"ד, ביטע קאנטאקטירט אבותינו – hfpjc@thejnet.com - יישר כחכם · עס איז ערלויבט צו פארשפרייטן דעם בולעטין אינ'ם אריגינעלן פארמאט
•אין נאמען פון די בני המשפחה טוען מיר אויסדריקן אונזער הכרת הטוב פאר'ן חסד של אמת פון נישט פארדעקן די מודעה דורכ'ן וואך. ויישר יליצו בעד כל המסייעים להתברך בכט"ס